- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## לבחורי חמד

### וויאזוי איז מען זוכה צו אמת'ע שמחה?


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

חג השבועות שנת תשפ"ב לפ"ק

- גליון יב -

# כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י
ידידינו היקר שביקרים
מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

## הרוצה בעילום שמו

לע"נ

הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה
מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה
והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן**
בן **מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו
שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן
וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# וויאזוי איז מען זוכה צו אמת'ע שמחה?

פתיחת זמן קיץ להבחורי חמד - ה' אחרי תשפ"ב

## דער חיוב שמחה אין יו"ט היינטיגע צייטן

מיר האלטן יעצט תיכף נאכן יו"ט פסח. איז באקאנט די סוגיא, וועגן דער חיוב שמחה ביום טוב בזמן הזה. לויטן רמב"ם איז עס א חיוב מן התורה, און לויט תוספות איז עס נאר מדרבנן.

אין זיינע תשובות, סי' ס"ט, רעדט דער שאגת אריה וועגן איינער וואס האט א ספק צו ער האט געזאגט הלל אויף יום טוב, בנוגע צו ער דארף איבערזאגן הלל אדער נישט. דארט איז דער שאגת אריה מבאר אז דאס זאגן הלל גייט אריין אין כלל פון שמחה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וביום שמחתכם ובמועדיכם... ותקעתם בחצוצרות", און דער עיקר שירה איז מיט'ן מויל, אזוי ווי די גמרא ברענגט (ערכין, יא.; סוכה, נב:) אז עיקר שירה איז בפה.

ברענגט ארויס דער שאגת אריה א געוואלדיגע חידוש, אז נישט די שירה ברענגט שמחה, נאר די שמחה ברענגט צו דעם מענטש צו שירה, עס איז אים גורם צו זינגען, אזוי ווי עס איז ידוע די ווערטער פון רש"י (ערכין שם): 'אין אדם שר שירה אלא מתוך שמחה וטוב לבב', א מענטש זינגט נאר ווען ער איז בשמחה און מיט אן אויפגעלייגט הארץ, און רש"י ברענגט א ראיה דערצוּוייל עס שטייט אין פסוק (ישעי' סה, יד) הִנֵּה עֲבָדַי יָרֹנּוּ מִטּוּב לֵב, זעט מען אז דאס זינגען קומט נאר ווען מען איז אמת'דיג אויפגעלייגט.

## שמחה איז דער אנהייב און דער שליסל צום גאנצן לעבן פון א איד

נאך די שווערע תוכחה אין פרשת כי תבא, נאכן ברענגען אזעלכע שווערע שטראף חלילה אויף ווער עס וועט נישט היטן די מצוות פון די הייליגע תורה, שטייט אין פסוק אז דאס אלעס איז נאר "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת יְיָ אֱלֹהֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב", דערפאר וואס מען האט נישט געדינט דעם אויבערשטן מיט שמחה און מיט אן אויפגעלייגט הארץ.

וואס מיינט שמחה? וויאזוי איז מען זוכה צו שמחה? טהרה ברענגט צו שמחה, ווייל טהרה איז מוסיף תענוג אין די מח פונעם מענטש ווי עס ווערט מבואר באריכות אין סידור פונעם אלטן רבי'ן די הייליגער תניא זי"ע און שמחה קומט נאר פון אמת'דיגע תענוג, און תענוג קומט פונעם מח האדם. וועגן דעם זעט מען צו גיין אין מקוה אינדערפרי, איידער מען הייבט אן אונזער עבודה. מען דארף אבער האנדלען מיט שכל, און זען אז דער טהרת המקוה זאל צוגיין מיט אן אופן פון ישוב הדעת אז עס זאל נישט גורם זיין דאס פארקערטע, און מען דארף וויסן אז פונקט ווי עס איז די א טהרה של מים איז אויך די א טהרה של אש און ווען איינער היט זיך די אויגן און די מחשבות און איז זיך מתגבר אויפ'ן יצר ברענגט דאס א מורא'דיגע רוח טהרה אויפן מענטש אזוי ווי עס איז באוואוסט פונעם בעל שומר אמונים זי"ע, אז זייענדיג אין די שטאט פעסט, איז כדי אנצוקומען צו די מקוה, האט מען געמוזט גיין א לענגערע שטיק וועג, וואס איז געווען פול מיט אומגעוואונטשענע מראות, ווי

**"און מען דארף וויסן אז פונקט ווי עס איז די א טהרה של מים איז אויך די א טהרה של אש און ווען איינער היט זיך די אויגן און די מחשבות און איז זיך מתגבר אויפ'ן יצר ברענגט דאס א מורא'דיגע רוח טהרה אויפן מענטש.... און ווי עס איז באקאנט אז דער בעל שומר אמונים זי"ע פלעגט זיך אויסדריקן, אז די פעסטער גאסן - אויפן וועג צום מקוה - האבן אים געררייניגט נאכמער ווי די מקוה אליין"**

דער סדר אין אזא גרויסע הויפטשטאט. יארן שפעטער, פלעגט דער צדיק זיך אויסדריקן, אז די פעסטער גאסן האבן אים געריינִיגט נאכמער ווי די מקוה אליין!

לאמיר גיין אביסל ווייטער. מיר זעען אז צדיקים האט געלייגט א שטארקן דגש אין דעם ענין פון לערנען פארן דאווענען, ווייל דורכדעם וואס מען איז עוסק בתורה פארן דאווענען, וועט מען זוכה זיין אריינצוגיין אינעם דאווענען מתוך די שמחה צו וועלכע מען איז זוכה דורך די הייליגע תורה, און אזוי וועט מען קענען זאגן די פסוקי דזמרה מתוך שמחה. דאס ברענגט צו אז דער גאנצער טאג ווערט דערהויבן. עס איז אן אנדער טאג אינגאנצן.

די נקודה איז דא נישט נאר, אז מען זאל נישט שלאפן און שלאפן ביז מען פאלט פון בעט אריין צום דאווענען, נאר אפילו אויב איינער האט געלערנט ביז שפעט ביינאכט און האט נישט געהאט קיין צייט צו עוסק זיין בתורה הקדושה פארן דאווענען, זאל ער אבער כאטש לערנען אפאר מינוט, ווייל נאר אזוי וועט ער קענען זוכה זיין צו דאווענען געהעריג און זוכה זיין צו אן אמת'ע התעלות ביים דאווענען.

און מען זאל נישט מיינען אז עס גייט אזוי פון איין טאג אויפן צווייטן. ניין, פון איין זייט דארף מען וויסן אז עס קומט נישט פלוצלונג, און עס זייער מעגליך אז ער וועט נישט גלייך פילן עפעס א ספעציעלע דערהויבנקייט, ער וועט אבער ווערן מער דערהויבן יעדע מאל וואס ער גייט צו צום דאווענען מיט א געהעריגע הכנה פון לימוד התורה פריער, און יעדע מאל טוט ער צוברעכן העכערע בחינות פון די זאכן וואס שטערן, ביז מיט דער צייט וועט ער זוכה זיין שטארק דערהויבן צו ווערן דורכדעם.

אבער דער אמת איז אז אפילו אין אנהייב וועט ער אויך קענען זען, אז וואס מער ער טוט עס, ווערט דער געשעפט אלס הייסער, און אלעס ווערט שנעלער און גרינגער, און ער ווערט שנעלער אריינגעצויגן אין דער זאך, שפירנדיג א געוואלדיגער נאנטקייט צום אויבערשטן, און פילט דעם קרבת אלקים לי טוב.

## א בליק אויף דאס פארקערטע - די מדה פון עצבות

כדי צו פארשטיין עד היכן הדברים מגיעים, די געוואלדיגע שמחה צו וועלכע מיר זענען זוכה דורך לימוד התורה און דאווענען, וועלן מיר דא צושטעלן דאס וואס שטייט פון כמה מפרשי נ"ך אויפן פסוק אין תהלים (קלט, כד): וּרְאֵה אִם דֶּרֶךְ עֹצֶב בִּי וְגוֹ' אז דוד המלך בעט דאפונעם אויבערשטן, אז אויב איז דא אין זיין הארץ אפילו איין רגע עפעס א מחשבה וואס געפעלט נישט אין די אויגן פונעם אויבערשטן אדער א מחשבת עצב ח"ו, זאל אים דער אויבערשטער גלייך נעמען פון דער וועלט. דאס איז דאך ממש א מורא'דיגע זאך, ווער פון אונז קען דען זאגן אז ער האלט ערגעץ נאנט צו אזא מדריגה, אבער אויף אזוי ווייט זאלן מיר דאס נעמען צום הארצן, אז מען זאל האבן אן אהנונג ווי ווייט דארף זיין אונזער שמחה.

אויב וועלן מיר געבן א בליק אויף די מדה פון עצבות, וועלן מיר זען אז דאס טוט צוברעכן דעם מענטש. אויב איינער איז צוטראגן פון עפעס, און ער איז זיך מתבונן טיפער און טיפער אין זיין פראבלעם, טוט עס אים פשוט צוברעכן. חז"ל זאגן "אֲנָחָה שׁוֹבֶרֶת חֲצִי גּוּפוֹ שֶׁל אָדָם", א קרעכץ טוט צוברעכן א האלב פונעם מענטשליכן קערפער. זאגט דער וועלט א ווערטל אז "יאגן" (דאס הערט זיך אזוי ווי יָגוֹן - וואס גייט צוזאמען מיט אֲנָחָה), דאס צוברעכט דעם אנדערן האלב. אבער לְעִנְיָנֵנוּ, איז דאס ממש אזוי, ווייל דאס קרעכצן און טרויערן, און זיך יאגן, זענען באמת א געפערליכע קליקע, וועלכע זענען אימשטאנד צו צוברעכן דעם מענטש לשברי שברים חס ושלום.

וואס וועט אמת'דיג דערהייבן דעם מענטש? דאס איז נאר די אמת'ע הארציגע שמחה, דאס עפענונג פון הארץ וואס דריקט זיך אויס אין שִׁירָה, געזאנג, דאס איז נישט דווקא א ניגון מיט א מעלאדיע, נאר א תְּנוּעָה פון קרבת השם, אן אויסדריק פון נאנטקייט צום אויבערשטען, וואס ווייזט אז מיר פרייען זיך מיט אים און מיר ווילן אים דינען און מאכן פאר אים נחת רוח.

## כדי עס זאל ריכטיג ארבעטן - דארף מען אויספאלגן די אנווייזונגען פונעם פאבריצירער

דוד המלך זאגט אין תהלים (צז, יא): אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה, דאס ליכטיגקייט איז איינגעזייט ביים צדיק, און די וואס האבן א גלייכע הארץ האבן פרייד. דא זעט עס אויס גאנץ גרינג און נאטורליך, זיי א צדיק וועט דיר ליכטיג זיין, און זעה אז דיין הארץ זאל זיין רעכטפארטיג, אין אנדערע ווערטער, גראד און גלייך, וועסטו האבן שמחה.

**"וואס וועט אמת'דיג דערהייבן דעם מענטש? דאס איז נאר די אמת'ע הארציגע שמחה, דאס עפענונג פון הארץ וואס דריקט זיך אויס אין שִׁירָה, געזאנג, דאס איז נישט דווקא א ניגון מיט א מעלאדיע, נאר א תְּנוּעָה פון קרבת השם, אן אויסדריק פון נאנטקייט צום אויבערשטען"**

ווארשיינליך, פאדערט דאס אביסל ארבעט פון אונזער זייט. מען דארף אריבערגיין דעם "כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת", און וויסן אז עס איז נישט אוממעגליך, און דעמאלטס וועט מען זען באשיינפערליך דעם "מִכָּאן וְאֵילָךְ יֶעֱרַב לָכֶם" (די ראשי-תיבות דערפון איז: מויל, צו ווייזן אז אין אנהייב דארף מען עס טון מיטן מויל, און שפעטער אויך צולייגן הארץ, און מיט דער צייט וועט עס ווערן אלס גרינגער און גרינגער).

די הייליגע תורה וואס מיר לערנען, דאס מאכט גראד און גלייכט אויס אונזער הארץ. שלמה המלך זאגט אין קהלת (ז, כט): עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים. דער אויבערשטער האט באשאפן דעם מענטש גראד און גלייך, נאר די מענטשן האבן זיך אויפגעזוכט פיל-ערליי חשבונות, פלענער און טראכטונגען וואס געפינען נישט חן אין די אויגן פונעם אויבערשטן, און אזוי האבן זיי זיך פארדרייט.

נישט נאר לוינט עס נישט אויף יענער וועלט, נאר אפילו אויף דער וועלט אויך נישט. אויב וויל איינער געניסן און הנאה האבן געהעריג פונעם מאשין וואס ער האט געקויפט, דאן דארף ער ריכטיג ארויסהאבן די אנווייזונגען וואס דער פאבריצירער האט צוגעשטעלט דערמיט, און

קלאר אויספאלגן יעדן אנווייזונג, ווייל נאר אזוי וועט ער האבן דערפון דעם ריכטיגן תּוֹעֶלֶת.

וואס מער מיר זענען עוסק אין די הייליגע תורה און פארטיפן זיך דערין, וואס מער יְדִיעַת הַתּוֹרָה און אֵיכוּת הַתּוֹרָה מיר האנדלען זיך איין, אלס מער פארבינדן מיר זיך מיטן נוֹתֵן הַתּוֹרָה, און מיר ווערן אויסגעגליכן, צוריקקערנדיג זיך צום אריגינעלן און געוואונטשענעם מַצָּב פון דעם "אָדָם יָשָׁר" אזוי ווי דער אויבערשטער האט אונז באשאפן.

## נשמה שנתת בי טהורה היא - המאור שבה יחזירנו למוטב, תורה מאכט אונז צוריק ריין

איידער דער מענטש ווערט באשאפן, לערנט מען אים אויס די גאנצע תורה, ממש כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, נאר איידער די נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט, קומט א מלאך און גיבט אים א קלאפ און אזוי פארגעסט ער אלעס וואס ער האט געלערנט.

כַּיָּדוּעַ, פרעגט דער וועלט, אויב וועט ער סיווי אלעס פארגעסן, פארוואס דארף מען אים אויסלערנען די גאנצע תורה? נאר, ווי מיר ווייסן, ווען איינער לערנט עפעס, אפילו אויב ער האט עס פארגעסן מיט דער צייט, תָּקְפָּה עָלָיו מִשְׁנָתוֹ, אבער אויב וועט ער זיך צוריק ערנסט נעמען צום לערנען, וועט ער זיך בְּסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא דערמאנען וואס ער האט געלערנט. אויב וואלט מען נישט געלערנט די גאנצע תורה מיט די נשמה איידער ער ווערט באשאפן, וואלט ער נישט געקענט געהעריג קונה זיין די תורה, און דורכדעם

"וואס מער מיר זענען עוסק אין די הייליגע תורה און פארטיפן זיך דערין, וואס מער יְדִיעַת הַתּוֹרָה און אֵיכוּת הַתּוֹרָה מיר האנדלען זיך איין, אלס מער פארבינדן מיר זיך מיטן נוֹתֵן הַתּוֹרָה, און מיר ווערן אויסגעגליכן, צוריקקערנדיג זיך צום אריגינעלן און געוואונטשענעם מַצָּב פון דעם "אָדָם יָשָׁר" אזוי ווי דער אויבערשטער האט אונז באשאפן"

וואס מען לערנט אים אלעס אויס, וועט ער קענען שפעטער הארוועןאון פארשטיין די תורה הקדושה.

א יעדע בחור דארף וויסן אז דער אויבערשטער האט ארייינגעלייגט אין יעדן איינעם פון אונז א לויטערע הייליגע ריינע נשמה, נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי טְהוֹרָה הִיא, און אפילו אויב ער האט זיך באנארישט און זיך פארקרומט דורך די הַבְלֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, אויב וועט ער זיך ארייינלייגן אין די תורה הקדושה, הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ יַחְזִירֶנּוּ לְמוּטָב, וועט די ליכטיגקייט פון די תורה אים צוריקקערן צום גוטן.

נישט סתם וועט ער צוריק ווערן גוט, נאר די תורה הקדושה האט אין זיך דעם כח צוריקצושטעלן אין אים דעם ערשטמאליגן ריינקייט און לויטערקייט פון דעם "אָדָם יָשָׁר" וואס דער אויבערשטער האט לכתחילה אוועקגעשטעלט בשעת דער מענטש איז באשאפן געווארן. און יעצט אז מיר וועלן שוין זיין אין דעם לעכטיגן מצב, וועט שוין זיין "אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה", טאקע נאטורליך און פשוט, ווייל איינמאל דער מענטש איז שוין צוריקגעשטעלט אין דער מצב און אין די בחינה פון א צַדִּיק וואס ער איז געווען לכתחילה ביים געבוירן ווערן, וועט אים שוין ליכטיג זיין, און איינמאל ער וועט שוין צוריק זיין גלייך, בִּבְחִינַת יִשְׁרֵי לֵב, וועט ער שוין זיין אמת'דיג פריילך.

**"א יעדע בחור דארף וויסן אז דער אויבערשטער האט ארייינגעלייגט אין יעדן איינעם פון אונז א לויטערע הייליגע ריינע נשמה, נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי טְהוֹרָה הִיא, און אפילו אויב ער האט זיך באנארישט און זיך פארקרומט דורך די הַבְלֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, אויב וועט ער זיך ארייינלייגן אין די תורה הקדושה, הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ יַחְזִירֶנּוּ לְמוּטָב, וועט די ליכטיגקייט פון די תורה אים צוריקקערן צום גוטן"**

ווי געזאגט, קומט עס טאקע נישט אויף איינמאל, אבער ווי שוין ערקלערט דארף מען אויך נישטווארטן לאנגע יארן צו זען ווי דאס טוט צושטאנד קומען. ווייל ווי מער מען לייגט ארייין כוחות דערין, ווערט עס אלס גרינגער, שענער, דערהויבענער, לייכטער און שנעלער.

## די תורה הקדושה מאכט ליכטיג פאר אונז - די אֵשׁ הַתּוֹרָה מאכט אונז וואַרים

מיר האבן פריער דערמאנט דעם פסוק "אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה", אויך געפינען מיר אז די תורה הקדושה איז געגליכן צו פייער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ירמי' כג, כט): "הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ נְאֻם ה'", די רייד פונעם אויבערשטן איז אזוי ווי פייער.

א ליכטל מאכט ליכטיג פאר ווער עס שטייט נעבן אים, עס איז אביסל שווער, מען דארף זיך צובייגן, אבער עס נישט אוממעגליך. מען שטרענגט זיך אן און מען וועט מיטן אויבערשטנ'ס הילף קענען זען וואס מען דארף. אבער א פייער, דאס איז שוין גאר עפעס אנדערש. נישט נאר מאכט עס ליכטיג פאר נאנט און ווייט, עס מאכט אויך ווארים, און עס איז גרויס און שטארק.

רבי שמעון בן יוחאי האט צוגעזאגט "חַס וְשָׁלוֹם שֶׁתִּשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל, שֶׁנֶּאֱמַר כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", די תורה וועט חלילה קיינמאל נישט פארגעסן ווערן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'כי לא תשכח מפי זרעו'. דערפאר ביי די שמחה פון רבי שמעון בן יוחאי צינדט מען אן א גרויסע פייער, נישט א ליכטל, נאר א גרויסע הדלקה, צו ווייזן אז מיטן כח פון רבי שמעון וועט זיין אזוי ליכטיג און אזוי ווארעם, אז יעדער וואס טוט זיך דערנסמאל צוכאפן וועט זוכה זיין צו א געוואלדיגע ליכטיגקייט און א חמימות צו עבודת ה'.

## אונזער שמחה מיטן אויבערשטן - אזוי ווי די שמחה פון חתן וכלה

אונזער שמחה מיטן אויבערשטן איז בבחינת שמחת חתן וכלה. לאמיר זיך פארשטעלן ווען מיר גייען אויף א חתונה. דער מוזיק שפילט, דער עולם טאנצט און שפרינגט, יעדער איז פרייליך און שמייכלט. אבער ווי נאר דער עולם צושפרייט זיך און מען גייט אהיים, זעט מען ווער איז געווארן אמת'דיג בשמחה און ווער נישט. די געסט, ווי נאר זיי ארויס

פונעם זאל איז עס "וְלֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָה", מען פארגעסט פון אלעס, יעדער דערמאנט זיך זיינע טִרְדוֹת און זארגן, און מען פארגעסט אז מען האט נאר עטליכע מינוט צוריק אזוי געשפרינגען און געשמייכלט.

לעומת זה, דער חתן מיט די כלה, זיי האבן יעצט אוועקגעשטעלט זייער היים און זענען אמת'דיג בשמחה. אזוי איז אויך אונזער שמחה מיטן אויבערשטן כביכול. דער אויבערשטער דארף נישט אז אונז, די כלה, זאלן אים עפעס געבן, ער איז דאך דער כל יכול, אים פעלט גארנישט, אבער מיר מוזן אים ווייזן אז מיר פרייען זיך מיט דעם וואס ער איז דא.

"דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן ארויסווייזן אונזער שמחה, וואס דאס געבט זיך ארויס מיט א געזאנג, ווייל דאס געזאנג איז נישט דווקא מיט א ניגון, נאר דאס מיינט פְּתִיחַת הַלֵּב, דאס הארץ איז אפן, און צו דעם איז מען זוכה דורכדעם וואס מען לערנט תורה, פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב. דאס איז עפעס וואס מען קען נישט נאכמאכן. עס מוז זיין עכט"

ווען א איד זעצט זיך אוועק לערנען, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב וְשׁוֹנֶה כְּנֶגְדּוֹ, זעצט זיך כביכול אוועק און לערנט קעגן אים, און ווען מיר דאווענען, עֲשָׂרָה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין שְׁכִינָה עִמָּהֶם, דאס מיינט אז ווען א מנין אידן דאווענען איז די שכינה הקדושה דא מיט אונז, דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן ארויסווייזן אונזער שמחה, וואס דאס געבט זיך ארויס מיט א געזאנג, ווייל דאס געזאנג איז נישט דווקא מיט א ניגון, נאר דאס מיינט פְּתִיחַת הַלֵּב, דאס הארץ איז אפן, און צו דעם איז מען זוכה דורכדעם וואס מען לערנט תורה, פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב. דאס איז עפעס וואס מען קען נישט נאכמאכן. עס מוז זיין עכט.

אויב וועט דער אויבערשטער זען אז מיר פרייען זיך מיט אים און מיט זיין הייליגע תורה, וועט ער אונז געבן הצלחה ברוחניות ובגשמיות אין אלע אופנים, דער אויבערשטער איז דער חתן, און כְּלוּם חָסֵר בְּבֵית הַמֶּלֶךְ, עס פעלט דען עפעס פונעם הויז פונעם מלך מלכי המלכים?

אוודאי נישט! וועט ער אונז שענקען פון אלעם גוטן מִיָּדוֹ הַטּוֹבָה וְהָרְחָבָה הַמְּלֵאָה וְהַפְּתוּחָה.

## דאס רואיגקייט און ישוב הדעת - עפנט דאס הארץ, אזוי שטייגט מען און מ'ווערט נאנט

אז מען כאפט זיך צו אמאל זיך צו מתבונן זיין פאר אפאר מינוט אין דעם "שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶּה", אז מ'ארבעט אויף זיך צו האבן אביסל מער ישוב הדעת דורכן זיך אפזונדערן פון די זאכן וואס זענען גורם א טומל און צומישעניש, ווערט דאס הארץ מער אפן, אזוי ווערט מען נענטער צום אויבערשטן, און אזוי קען מען מער שטייגן, אזוי ווי דער מציאות ווייזט אז אין זמנים ווען עס איז דא מער פְּתִיחַת הַלֵּב, פילט מען זיך דערהויבן, און מען איז זוכה צו שטייגן.

נעמט צום ביישפיל, מוצאי יום הקדוש. יעדער איינער פילט זיך אזוי דערהויבן. דער כהן גדול האט דעמאלטס געמאכט א גרויסן יום טוב בְּצֵאתוֹ בְּשָׁלוֹם מִן הַקֹּדֶשׁ, און ביז האלבע נאכט האט ער באגריסט דעם עולם, ווייל קיינער האט נישט געוואלט זיך לייגן איידער ער וועט אריבערגיין פארן כהן גדול.

דארף מען פארשטיין, ס'הייסט, דער כהן גדול האט דאך אראפגעלייגט אזא געוואלדיגע עבודה א גאנצן יום הקדוש, ער איז דאך אוודאי געווען מורא'דיג אויסגעמוטשעט, און צו אלעס האט ער נאך געפאסט, און אויך דער עולם האט געפאסט א גאנצן טאג, און נאכדערצו איז מען געשטאנען מורא'דיג צושטופט, אזוי ווי עס שטייט אין די משנה אין פרקי אבות (פרק ה' משנה ה') עוֹמְדִים צְפוּפִים, מען איז געווען אזוי צושטופט, אז מען האט פשוט געשוועבט אין דער לופט, און נאר ווען מען האט זיך געדארפט בוקן, וואס דעמאלטס האט מען זיך מתוודה געווען, איז געשען א געוואלדיגער נס אז וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים, אז עס איז געווארן פלאץ פיר איילן צווישן יעדן מענטש און דעם אנדערן, כדי מען זאל נישט הערן וואס דער חבר זאגט - זענען זיי דען געווען מלאכים, אז זיי זאלן אפילו נישט פילן דעם הונגער און די מידקייט?

נאר, ווען א מענטש איז אמת'דיג בשמחה, פילט ער נישט די אלע זאכן. עס איז זיי אמת'דיג געווען גוט אויפן הארץ. מיר טרעפן טאקע דעם לשון ביים חֲנוּכַּת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אז די אידן זענען געווען שְׂמֵחִים וְטוֹבֵי לֵב. און ווען מען איז אין אזא מצב, פילט מען נישט קיין הונגער און קיין געדרענג, נאר דער נפש פריידט זיך און איז גליקליך מיטן געוואלדיגן גליק פון קרבת השם.

## וויאזוי איז מען זוכה צו דעם היינטיגע צייטן ווען מיר האבן נישט דעם בית המקדש?

דאס איז געווען ווען מיר האבן געהאט דעם בית המקדש. קיינער איז נישט געגאנגען שלאפן מיט קיין זינד, די קָרְבְּנוֹת הַתָּמִיד וואס מען האט מקריב געווען יעדן טאג אין בית המקדש האבן מכפר געווען אויף די עבירות, און מען איז געבליבן ריין, הייליג און לויטער, נאנט צום גרויסן טאטן אין הימל.

אבער אויך יעצט, וואס צוליב אונזערע עבירות האבן מיר נישט זוכה געווען דערצו, האט אונז דער אויבערשטער געגעבן דעם מקדש מעט, די בתי כנסיות ובתי מדרשות, וואו מיר זענען זוכה צו דאווענען צום אויבערשטן און צו לערנען זיין הייליגע תורה, דארט אין **שול** קענען מיר אויך זוכה זיין אנצוקומען לְפִי עֶרְכֵּנוּ, צו אט די הייליגע בחינה פון שְׂמֵחִים וְטוֹבֵי לֵב [וואס די ראשי-תיבות דערפון איז **שול**], און צו שַׁבְּחוּ וְהוֹדוּ לִשְׁמוֹ, דאס עוסק זיין אין די הייליגע תורה עפנט אויף דאס הארץ אז מיר זאלן קענען זאגן שירה פארן אויבערשטן און אים לויבן בשמחה.

זעלבסטפארשטענדליך, און ווי פריער דערמאנט, אז דאס גייט נישט פלוצלונג און אויפאמאל. נאר, וואס מער כוחות און וויפיל מער מען אינוועסטירט דערין, אלס מער איז מען מצליח. ווי מער מען לייגט זיך אריין ראשו ורובו אינעם קשר צו אונזער טאטן אין הימל, מתוך ישוב הדעת און א קלארן קאפ, וועט מען זוכה זיין צו פילן דעם געוואלדיגן קשר מיט אונזער טאטן, און זוכה זיין צו די אמת'ע שמחה און שירה,

וואס ווי ערקלערט, איז איבערהויפט נישט געוואנדן אין א ניגון, נאר אינעם פתיחת הלב און דעם קרבת אלקים.

## וויבאלד מיר זענען בנים למקום,
## זענען מיר זוכה דערהויבן צו ווערן דורך די תוה"ק

און אז מען רעדט שוין פון מוצאי יום הקדוש, דעמאלטס ווערט נתברר א מורא'דיגע זאך. ווייל אייגנטליך, וויאזוי איז מעגליך אז נאך אלעס וואס א מענטש האט געטון דורכן גאנצן יאר, און "אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טוֹב וְלֹא יֶחֱטָא", אפילו א צדיק, וויבאלד ער געפינט זיך דא אויף דער וועלט, איז נישט מעגליך אז לְפִי עֶרְכּוֹ איז ער נישט אמאל באגאנגען עפעס א חטא, און עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה ווען מען רעדט פון פשוט'ע מענטשן. איז ווי אזוי איז דער מענטש אזוי פרייליך און אויפגעלייגט מוצאי יום הקדוש.

נאר וואס דען, חז"ל זאגן אז כלל ישראל איז די בחינה פון יעקב אבינו, און די אומות העולם זענען די בחינה פון עשו הרשע, און עס שטייט אין פסוק אז יעקב אבינו האט געזאגט "הִנֵּה עֵשָׂו אָחִי אִישׁ שָׂעִר וְאָנֹכִי אִישׁ חָלָק", עשו איז א האריגער, פול מיט האר, און יעקב איז גלאט. יעצט, וואס געשעט ווען א האריגער מענטש ווערט פארוויקלט אין דערנער און אין שמוץ, אפילו נאכדעם וואס ער זעט זיך ארויס דערפון און ער פראבירט זיך אפשאקלען, בלייבט ער נאך אלץ פארשמירט און פארקלעבט דערמיט. אבער איינער וואס איז אן אִישׁ חָלָק, א גלאטער מענטש, געבט ער א וויש אפ די דערנער און די שמוץ, און ער ווערט צוריק ריין.

א איד, וואס זיין נשמה איז א חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל, אפילו אויב איז ער חלילה דורכגעפאלן, אבער בְּעֶצֶם נִשְׁמָתוֹ איז ער דאך ריין, דארף ער זיך נאר אויסגלייכן, ווערן צוריק אין די בחינה פון "אָדָם יָשָׁר" און זיין א "יִשְׁרֵי לֵב", אבער ביי עשו גייט עס אריין אין זיין עַצְמִיוּת, ממילא ווערט ער טאקע פארוויקלט אין זיינע זינד, און ער קען זיך נישט באפרייען דערפון.

דערפאר, ווערט געברענגט אז איידער מען לערנט תורה זאל מען תשובה טון, ווייל דורכדעם ווערט מען צוריק אן "אָדָם יָשָׁר", און דעמאלטס איז מען זוכה צו דעם "וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה", און ממילא צו דעם "כָּל מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה הֲרֵי זֶה מִתְעַלֶּה" (פרקי אבות, פרק ו' משנה ב'), אז ווער עס איז עוסק אין לערנען תורה, ווערט ער דערהויבן, ער איז זוכה צו א התעלות, און אזוי ווי די משנה זאגט פריער (שם משנה א') "רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה לִשְׁמָהּ זוֹכֶה לִדְבָרִים הַרְבֵּה", ער איז זוכה צו הצלחה ברוחניות ובגשמיות.

## א געוואלדיגע עצה צו שמחה - דורכן זיין פלינק און אויסניצן פאסיגע געלעגנהייטן

**"א איד, וואס זיין נשמה איז א חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל, אפילו אויב איז ער חלילה דורכגעפאלן, אבער בְּעֶצֶם נִשְׁמָתוֹ איז ער דאך ריין, דארף ער זיך נאר אויסגלייכן, ווערן צוריק אין די בחינה פון "אָדָם יָשָׁר" און זיין א "יִשְׁרֵי לֵב"**

מיר האבן אנגעכאפט א דוגמא פון א געוואלדיגע צייט פון שמחה, מוצאי יום הקדוש, וואס אפילו היינט ווען מיר האבן נישט דעם בית המקדש, פילט יעדער א דערהויבנקייט און קרבת אלקים, נישט שפירנדיג מידקייט און הונגער, און גלייך גייט מען טאקע מֵחַיִל אֶל חָיִל, ווי געברענגט אין שולחן ערוך, און גלייך מוצאי יום כיפור און אויפצומארגנס, שטעלט מען אויף די סוכה און מען באזארגט זיך מיט ארבעה מינים מהודרים צום בעפארשטייענדן יום טוב סוכות, וואס ווערט טאקע אנגערופן זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ.

לאמיר זיך אויך מתבונן זיין אין די צוגרייטונגען צו זְמַן חֵרוּתֵנוּ, דעם הייליגן יום טוב פסח, ווען מיר זענען פריי געווארן פון די שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, וואס אזוי ווי בַּיָּמִים הָהֵם ווערן מיר אויך בִּזְמַן הַזֶּה באפרייט אין די טעג פארן הייליגן יום טוב פסח, פון די טומאה, און יעדער איינער פילט טאקע אז וואס נענטער מען ווערט צו פסח, ווערט מען אלס לויטערער און מער דערהויבן, ביז ווען עס קומט צום הייליגן

סדר נאכט פילט יעדער אזא געוואלדיגע פרייהייט אינעם נפש און א געוואלדיגע קרבת אלקים, נאנטקייט צום אויבערשטן.

ביי די הכנות צום הייליגן יום טוב פסח, וואס יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים ארבעטן אזוי שווער זיכער צו מאכן אז אלעס זאל זיין מיט די בעסטע הַדּוּרִים לויט די הלכה, צי ביים מצות באקן און נאך פריער ביים מאלן די מעל דורך דרייען מיט די האנט, מיט אזעלכע אימערמידליכע כוחות, אויך ביים איבערקוקן די ווייץ גרונטליך, וואס דאס קומט אויך נישט אן גרינג, און דאס אלעס נאך פילע שלאפלאזע נעכט.

ווען עס קומט צו דעם אלעם, זעט מען אז ווער עס איז זוכה צו די שמחה של מצוה, שפירט אפילו נישט קיין מידקייט און שווערעקייט דערין. ער איז אסאך העכער ווי דעם אלעם, דער קרבת אלקים דערהייבט אים, און ער פילט זיך אזוי גליקליך דערמיט.

ביי די פרשה פון די מצוות פונעם יום טוב פסח, אין פרשת בא, געפינען מיר ווי פאלגנד: וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַמַּצּוֹת, איר זאלט אפהיטן די מצות אז זיי זאלן נישט חמצ'דיג ווערן. זאגט רש"י, כְּדֶרֶךְ שֶׁאֵין מַחְמִיצִין אֶת הַמַּצּוֹת, כַּךְ אֵין מַחְמִיצִין אֶת הַמִּצְווֹת, אֶלָּא אִם בָּאָה מִצְוָה לְיָדְךָ אַל תַּחְמִיצֶנָּה, אַל תַּנִיחֶנָה שֶׁתָּבֹא לִידֵי חִמּוּץ. דאס מיינט, נישט נאר ביי די מַצות דארף מען אכטונג געבן אז עס זאל נישט חמצ'דיג ווערן, נאר אויך ביי יעדע מצוה וואס עס קומט אונטער, זאל מען עס נישט לאזן זויער ווערן, נאר מען זאל עס גלייך טון.

## דורכן אויסניצן געלעגנהייטן אן זיך צו פארזוימען - קען מען שטארק דערהויבן ווערן

דא האבן מיר א געוואלדיגע עצה וויאזוי צו שטייגן אלס העכער און העכער. כידוע פון ספרים הקדושים, שיקט מען צו פון הימל פאר יעדן מענטש געלעגנהייטן, דורך וועלכער ער וועט קענען שטארק נתעלה ווערן, און דער מענטש דארף זעהן זיך צצ צוכאפן דערצו. מיט יארן צוריק האט געוואוינט אין די הייליגע שטאט צפת א הייליגער מתמיד

און תלמיד חכם, א חסיד וצדיק מיטן נאמען רבי שלמה צבי אטיק זצ"ל. ער איז געווען אזוי דבוק אין די הייליגע תורה, אויף אזוי ווייט אז ער האט געהאלטן אז וויבאלד ער האט אזוי הנאה דערפון, ווער ווייסט וואספארא שכר ער וועט באקומען דערפאר.

אבער אט האט ער זיך דערמאנט, אז שבת נאכמיטאג, נאך די סעודה, א צייט וואס געווענליך כאפט אן פארן מענטש א מידקייט, און מענטשן כאפן דעמאלטס א שטיקל דרימל ביז צום דאווענען, האט ער אפגעמאכט ביי זיך אז ער וועט נישט אזוי טון, נאר ער האט גלייך געכאפט די גמרא, און אזוי אן אויפהער זיך געזעצט לערנען ביז מנחה. פאר אט דעם לערנען, וואס איז נישט אנגעקומען לייכט, איז רבי שלמה צבי זיכער געווען אז ער וועט האבן גרויס שכר.

נישט נאר איז מען זוכה צו גרויס שכר פארן לערנען אדער פארן אריינכאפן אן אנדער מצוה אין דער צייט, און עס נישט לאזן זויער ווערן, נאר דער מענטש אליין ווערט דערהויבן, אזוי ווי מען טייטשט אין די הגדה "כָּל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אז דער וואס איז מרבה לספר ביציאת מצרים ווערט דער מענטש אליין משובח, ער ווערט א בעסערער מענטש, אזא איינער וואס איז מער הייליג און דערהויבן.

ברוך השם, היינטיגע צייטן האבן מיר אסאך מער געלעגנהייטן און באקוועמליכקייטן עוסק צו זיין בתורה מתוך ישוב הדעת, און אויב וועלן מיר זען ריכטיג אויסצוניצן די צייט, וועלן מיר קענען שטארק שטייגן אין תורה הקדושה, וואס דאס וועט אונז ברענגען אמת'ע שמחה, צוזאמען מיט שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה וואס וועט אונז צוקומען דורכן ריכטיג מקיים זיין אלע מצוות, קענענדיג ריכטיג אפשאצן די גרויסקייט פון זיי דורכן זיין דבוק אין די תורה הקדושה און אינעם נוֹתֵן הַתּוֹרָה, און מיר וועלן שטארק מצליח זיין בכל חֶלְקֵי הַחַיִּים, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז עס זאל קומען א לעכטיגער זמן, יעדער איינער זאל זען א געוואלדיגע תועלת און שטייגן אין תורה און עבודת השם, פילנדיג אן אמת'ע שמחה און נאנטקייט צום אויבערשטן

יעדן רגע, וועט מען אוודאי זוכה זיין צו א טהרה און דערהויבנקייט פון אויבן, און איינגיכן וועלן מיר שוין הערן דעם קול שופר של משיח, ובנין בית המקדש, במהרה בימינו אמן.